# דריי מתנות

פרץ

— א —

## אויבן ביי דער וואָג

אַ מאָל, מיט יאָרן און דורות צוריק, איז ערגעץ נפטר געוואָרן אַ ייִד.

מילא, אַ ייִד איז נפטר געוואָרן — אייביק לעבן קאָן מען נישט — טוט מען אים זײַן רעכט... ברענגט מען אים צו קבֿורת ישׂראל.

נאָך סתימת הגולל[1], דער יתום זאָגט קדיש — פֿליט די נשמה אַרויף, צום משפט, צום בית־דין של מעלה...

קומט זי אַרויף, הענגט שוין דאָרט פֿאַרן בית־דין די וואָג, אויף וועלכער מען וועגט די עבֿירות און די מצוות...

קומט דעם בר־מינננס סניגור[2], זײַן געוועזענער יצר־טובֿ — שטעלט זיך מיט אַ קלאָר ווײַס זעקל ווי שניי אין דער האַנט, בײַ דער וואָגשאָל פֿון דער רעכטער זײַט...

קומט דעם בר־מינננס קטיגור[3] — זײַן געוועזענער יצר־הרע, דער געוועזענער מסית ומדיח[4] — און שטעלט זיך, מיט אַ קויטיק זעקל אין דער האַנט, בײַ דער וואָגשאָל אויף דער לינקער זײַט...

אין ווײַסן קלאָרן זעקל זײַנען מצוות, אין ברודיק שוואַרצן זעקל — עבֿירות. שיט דער סניגור, פֿון שניי־ווײַסן זעקל אויף דער וואָגשאָל פֿון דער רעכטער זײַט, מצוות — שמעקן זיי ווי פּאַרפֿומען און לײַכטן ווי די שטערנדלעך אין הימל.

שיט דער קטיגור פֿון ברודיקן זעקל אַרויס, אויף דער וואָגשאָל פֿון דער לינקער האַנט, עבֿירות — זײַנען זיי, נישט פֿאַר אײַך גע־דאַכט, שוואַרץ ווי קויל און אַ ריח האָבן זיי — סאַמעראָדנע[5] פּעך און סמאָלע.

שטייט אַזוי די אָרעמע נשמה און קוקט, און גאַפֿט — זי האָט זיך גאָר נישט געריכט, עס זאָל זײַן אַזאַ חילוק צווישן גוט און שלעכט; דאָרט האָט זי גאַנץ אָפֿט בײדע נישט דערקענט, איינס פֿאַר דאָס אַנ־דערע גענומען.

און די וואָגשאָל הייבט זיך פּאַמעלעך, אַרויף און אַראָפּ, אַ מאָל די, אַ מאָל יענע... און דאָס צינגל בײַ דער וואָגשאָל אין דער הייך ציטערט, נעמט זיך אויף אַ האָר לינקס, אויף אַ האָר רעכטס...

נאָר אויף אַ האָר... און נישט מיט אַ מאָל! אַ פּראָסטער ייִד געווען, אָן גרויסע להכעיס, ווי אויך אָן קידוש השם... אַזוי — קליינע מצווה־לעך, שרעטעלעך, שטויבעלעך... טייל מאָל — קוים מיטן אויג צו דערזען.

און פֿון דעסט וועגן, אַז דאָס צינגל רוקט זיך אויף אַ האָר רעכטס, הערט זיך אין די עולמות העליונים אַ קלאַנג פֿון שׂמחה, פֿון נחת; רוקט זיך עס אָבער, חס ושלום, לינקס, שלאָגט זיך אַרויס אַ זיפֿץ פֿון עצבֿות, ביז עס דערגרייכט צום כּסא הכּבֿוד.

און די מלאָכים שיטן פּאַמעלעך, מיט כּוונה, אַ שרויט נאָך אַ שרויט, אַ שטויב נאָך אַ שטויב, ווי פּשוטע באַלעבאַטים ליציטירן אתּה הראית[6] אַ פּרוטה נאָך אַ פּרוטה...

נאָר אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס, די זעקעלעך ווערן ליידיק.

— שוין? — פֿרעגט דער בית־דין־שמש — אויך אַ מלאָך צווישן אַלע מלאָכים.

דער יצר־טובֿ, ווי דער יצר־הרע, דרייען־אויס די זעקלעך קאַ־פּויר: נישטאָ מער! און דעמאָלט גייט דער שמש צו צום צינגל זען, ווו עס האָט זיך אָפּגעשטעלט: רעכטס צי לינקס.

קומט ער און קוקט אַזוי, און זעט אַזוינס, וואָס עס איז נאָך נישט געשען, זינט הימל און ערד זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן...

— וואָס דויערט אַזוי לאַנג? — פֿרעגט דער אָב־בית־דין.

שטאַמלט דער שמש:

— גלײַך! דאָס צינגל שטייט אין סאַמעראָדנער מיט!...

די עבֿירות האָבן גלײַך געוווגן מיט די מצוות.

— אַקוראַט? — פֿרעגט מען נאָך אַ מאָל פֿון בית־דין של מעלהס טיש.

קוקט ער נאָך אַ מאָל דער שמש און ענטפֿערט:

— אויף דער האָר!

האָט דאָס בית־דין של מעלה אַ ישובֿ און גיט, נאָכן ישובֿ הדעת, אַרויס אַ פּסק כּהאי לישנא[7]:

„היות די חטאים וועגן נישט איבער די מעשׂים טובֿים — קומט דער נשמה קיין גיהנום נישט...

און פֿון צווייטן צד — וועגן די מצוות נישט מער פֿאַר די עבֿרות, — קאָן מען איר נישט עפֿענען די טויערן פֿון גן־עדן.

על כּן נע־ונד זאָל זי זײַן...

זאָל זי אַרומפֿליִען אין דער מיט, צווישן הימל און ערד — ביז גאָט וועט זיך אָן איר דערמאָנען און דערבאַרעמען זיך און צורופֿן צו זיך מיט זײַן גנאָד".

[1] צודעקן דעם קבר (ווען ס׳הייבט זיך אָן די אבילות). „אבילות מאימתי קא מתחלא מסתימת הגולל" (סנהדרין מ"ז). — [2] פאַרטיידיקער, מליץ־יושר, דער וואָס זוכט אַ זכות אויפן באַשולדיקטן. — [3] באַשולדיקער, פּראָקוראָר. — [4] דער וואָס רעדט־אָן און פֿירט־אַראָפּ פֿון גלייכן וועג.

[5] עכטע (סאַמע געבוירענע). — [6] פּסוק, מיט וועלכן מ׳איז מכבד צו הקפות (טראָגן אַ ספֿר־תּורה).

[7] אָט אין אַזאַ שפּראַך. — [8] (פּויליש) גלייך אויף גלייך, באַצאָלט אַ חוב, מער ניט שולדיק.

# THREE GIFTS

## THE SCALES OF HEAVEN

Once, long ago, a Jew died somewhere in this world.

Well, when a Jew dies, he dies. No ones lives forever. He was given a proper funeral and buried with all the honors.

The gravestone was laid in place, a son said the Mourner's Prayer, and the dead man's soul flew up to heaven to be tried by a tribunal of angels.

It arrived to find the balance used for weighing good and bad deeds already waiting for it.

The counsel for the defense, who was none other than the dead man's former conscience, stepped up with a snow-white bag in his hand and stood by the right-hand scale.

The counsel for the prosecution, who was none other than the dead man's evil urges, stepped up with a bag smeared with dirt and stood by the left-hand scale.

The white bag contained the man's good deeds, the dirty bag his bad ones. When the defense counsel poured the good deeds onto the right-hand scale, they smelled like the finest fragrance and shone like the stars in the sky. When the prosecutor poured the bad deeds onto the left-hand scale, they were, God help us, as black as coal and smelled like a barrel of pitch.

The poor soul stood gaping. It never had dreamed that there could be such a difference between "good" and "bad." Down below, in the world it had come from, it often couldn't tell them apart and confused one with the other.

The scales floated slowly up and down. One moment one was higher, the next the other. The needle of the balance shifted back and forth, now a hairsbreadth to the left, now a hairsbreadth to the right.

Never more than a hairsbreadth; the scales swayed imperceptibly. The man was an ordinary Jew—not much of a sinner and certainly no saint. His good deeds were as small as his bad ones: little crumbs, little bits of things, so tiny you hardly could see them.

Still, each time the needle moved a hair to the right, there was rejoicing in the heavens; each time it moved back to the left, there was such a sigh of sorrow that it reached all the way to the mercy seat.

Slowly, single-mindedly, the two angels emptied their bags, bit by bit and crumb by crumb, like Jews on Simkhat Torah bidding penny by penny for the right to carry the first Torah.[1]

But sooner or later every well must run dry. The two bags were finally empty.

"Finished?" asked the bailiff of the court, an angel himself.

The counsel for the defense and the counsel for the prosecution both turned their bags inside out: nothing was left. The bailiff stepped up to look at the balance.

He looked and he looked, and the longer he looked, the clearer it became that he was looking at something that had never happened before since the day the world was created.

"What's taking you so long?" asked the chief judge.

"It's a tie! The needle is right in the middle."

The good and bad deeds weighed exactly the same amount.

"Are you sure?" asked the chief judge of the Heavenly Court.

"Absolutely!"

The court recessed to consult and returned with the following verdict:

"Since its bad deeds do not outweigh its good ones, this soul cannot be condemned to hell.

"On the other hand, since its good deeds do not outweigh its bad ones, it cannot be admitted to heaven either.

"We therefore sentence it to be homeless.

"Let it wander back and forth between the heavens and the earth until God remembers it and calls it to Him in His mercy."

The soul was led out of court by the bailiff, bitterly bewailing its fate.

און דער ייִד שטייט בײַם מעסער און קוקט געלאַסן צו... קיין ברעם איבער זײַנע קלאָרע אויגן, קיין האָר פֿון דער ווײַסער באָרד ביז צו די לענדן — רירט זיך נישט... נישט זײַן זאַך... „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען — טראַכט ער — געלויבט איז זײַן הייליקער נאָמען!... מיט דעם ווערט מען נישט געבוירן און דאָס גיט מען נישט מיט אין קבֿר אַרײַן“ — שעפּטשען זײַנע בלאַסע ליפּן.

און ער קוקט גאַנץ רויִק צו, ווי מען עפֿנט דעם לעצטן שופֿלאָד פֿון דער לעצטער קאָמאָדע און ווי מען שלעפּט אַרויס זעקלעך מיט גאָלד און זילבער, זעקלעך מיט צירונג און אַלערליי טײַערע כּלים, — און ער שווײַגט...

און אפֿשר איז ער זיי גאָר מפֿקיר!

נאָר פּלוצלינג, אַז די גזלנים טרעפֿן צום לעצטן באַהעלטעניש און ציִען אַרויס אַ קליין זעקעלע, דאָס לעצטע, דאָס באַהאַלטנסטע — פֿאַרגעסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צעפֿלאַמען זיך אים די אויגן, ציט ער אויס צום ווערן די רעכטע האַנט, ווייל ער אַ געשריי טאָן:

— „רירט נישט!“

נאָר אויפֿן אָרט פֿון אַ געשריי שפּריצט אַרויס אַ רויטער שטראַל פֿון רויכערדיקן בלוט — דאָס מעסער האָט זײַנס געטאָן... עס איז דאָס בלוט פֿון האַרץ און שפּריצט אויפֿן זעקל אַרויף!

ער פֿאַלט און געשווינד רײַסן די גזלנים אויף דאָס זעקל — דאָ וועט זײַן דאָס בעסטע, דאָס טײַערסטע!

זיי האָבן אָבער אַ ביטערן טעות געהאַט; אומזיסט בלוט פֿאַרגאָסן — נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין צירונג איז אין זעקל געווען; גאָר נישט פֿון דעם וואָס איז טײַער און האָט אַ ווערט אויף דער דאָזיקער וועלט! עס איז געווען אַ ביסל ערד, ארץ־ישראל־ערד אין קבֿר אַרײַן, און דאָס האָט דער גבֿיר געוואָלט ראַטעווען פֿון פֿרעמדע הענט און אויגן און מיט זײַן בלוט באַשפּריצט...

כאַפּט די נשמה אַ פֿאַרבלוטיקטן שטויב פֿון ארץ־ישראל־ערד און מעלדט זיך דערמיט בײַ דער פֿאָרטקע אין הימל...

די ערשטע מתּנה איז אָנגענומען געוואָרן.

— געדענק! — האָט דער מלאך צוגערופֿן, פֿאַרמאַכנדיק הינטער איר די פֿאָרטקע פֿון הימל — נאָך צוויי מתּנות!

— גאָט וועט העלפֿן! — האָפֿט די נשמה און פֿליט פֿריילעך צוריק אַראָפּ.

די פֿרייד האָט מיט דער צײַט אָבער אויפֿגעהערט. עס זײַנען ווײַטער אַוועק יאָרן און יאָרן, און זי זעט נישט קיין אויסטערליש שיינס... און עס באַפֿאַלן זי צוריק די טרויעריקע געדאַנקען:

ווי אַ לעבעדיקער קוואַל האָט די וועלט אַרויסגעשלאָגן פֿון גאָטס ווילן און רינט און רינט ווײַטער אין דער צײַט. און וואָס ווײַטער זי רינט, מער ערד און שטויב נעמט זי אין זיך אַרײַן; טריבער, אומריינער ווערט זי; ווייניקער מתּנות געפֿינט מען אויף איר פֿאַרן הימל... קלענער ווערן די מענטשן, דראָבנער[10] — די מצוות, שטויביקער — די עבֿירות; מעשׂים — נישט מיטן אויג צו דערזען!...

ווען גאָט — טראַכט זי ווײַטער — זאָל הייסן איבערוועגן מיט אַ מאָל די מצוות מיט די עבֿירות פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָלט זיך אויך דאָס צינגל קוים גערירט, קוים־קוים געציטערט...

די וועלט קאָן אויך נישט אַראָפּ און נישט אַרויף... זי איז אויך נע־ונד צווישן ליכטיקן הימל און פֿינצטערן שאול תּחתּיה... און דער קטיגור מיטן סניגור וואָלטן זיך דעריבער אייביק געראַנגלט, ווי עס ראַנגלען זיך דאָ אייביק ליכט מיט פֿינצטערקייט, וואַרעמקייט מיט קעלט, לעבן מיט טויט...

זי וויגט זיך די וועלט און קאָן נישט — נישט אַרויף, נישט אַראָפּ, און עס וועלן דעריבער אייביק זײַן חתונות און גטן, בריתן און לוויות, סעודות־מצווה און סעודות־הבֿראה[11]... און ליבשאַפֿט און האַס... אייביק, אייביק...

פּלוצלינג וועקן זיך קולות פֿון טראָמפּייטן און הערנער...

זי קוקט־אַראָפּ — אַ דײַטשישע שטאָט (פֿאַרשטייט זיך, אַ פֿאַרצײַטישע), אַלערליי אויסגעבויגענע דעכער רינגלען־אַרום דאָס פּלאַץ פֿאַרן מאַגיסטראַט, און פֿול מיט פֿאַרשיידנפֿאַרביק־געקליידטע מענטשן אין דאָס פּלאַץ; פֿיל קעפּ אין די פֿענצטער; מענטשן ליגן אויף די דעכער אַרום, טייל זיצן רײַטנדיק אויף די באַלקנס, וואָס שטאַרן־אַרויס בײַ די ווענט אונטער די דעכער, פֿול געפּראָפּט זײַנען די באַלקאָנען...

פֿאַרן מאַגיסטראַט שטייט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרינעם טוך

[10] קלענער. — [11] דער ערשטער אָנבייסן פאַר אַן אָבל נאָכן קומען פון בית־עולם )מועד קטן).

They were wrong. The Jew's blood had been shed for nothing. The bag contained no gold, no silver, no jewels—nothing, indeed, that had the slightest worth in this world. Its only contents were a bit of earth from the Holy Land that the rich Jew had wished to be buried with when he died. It was this he had laid down his life for.

The soul seized a handful of the bloody earth and flew straight to the gates of heaven with it.

The first gift had been brought.

## THE SECOND GIFT

"Remember," the angel called after the soul as the gates of heaven swung shut again, "you still have to bring two more gifts."

"With God's help I'll find them," thought the soul cheerfully as it flew back down to earth.

Its good cheer did not last forever, though. Once more the years went by without its sighting a perfect good deed, and once more the soul thought sadly:

"Like a live spring of water, the world sprang forth from God and ran off into Time. Yet the further it runs, the muddier and dirtier it grows. Gifts fit for heaven are far and few between. Men have become diminished, their good deeds plainer, their bad ones drabber; you can look all over and not find a single one that is special.

"If God were to weigh in one weighing all the good and bad deeds of this world," thought the soul, "the needle of the balance would hardly move at all.

"The world is too weak to rise any higher or plunge any lower. Like me it is trapped between the starry heavens and the black depths, while the prosecutors and defense counsels go on endlessly feuding, just as light feuds with darkness, heat with cold, life with death.

"The world teeters this way and that, unable to go up or down. Human beings are born and die, marry and divorce, rejoice and sorrow, love and hate, hate and love, on and on and on. . . ."

A blare of horns and trumpets roused the soul from its thoughts.

Looking down, it saw a city in Germany. (All this happened long ago, of course.) Oddly sloped roofs surrounded a town square, which was filled with a colorfully dressed crowd. Other townsmen pressed their faces to the windows or straddled the railings of the packed balconies that projected beneath the roofs.

In front of the town hall stood a table covered by a green cloth trimmed with fringes and tassles of gold. The town magistrates sat around it in sable robes with gold clasps and white-feathered hats with gleaming badges. Beneath a seal of a taloned eagle, the burgomaster presided over them.

To one side stood a Jewish girl in shackles. Not far from her, ten vassals restrained a wild horse. The burgomaster rose to his feet, faced the square, and read the verdict from a sheet of paper:

"This Jewish damsel has committed a grave sin—a sin so heinous, indeed, that God Himself in all His mercy could not possibly forgive her for it.

"Stealing out of the ghetto on our holy day, she polluted our pure streets. Her shameless eyes stained our sacred procession and the holy icons that we carried through our town with music and hymns. Her accursed ears heard our drums and the songs of our innocent children dressed in white. Who knows if the filthy devil himself, in the guise of this accursed rabbi's daughter, did not touch and defile our holy relics?

"Why did he, the devil, wish to inhabit such a beautiful creature? For I cannot deny that she is beautiful, beautiful as only the devil could make her! Just look at those brazenly bright eyes beneath their silken lashes; look at that alabaster complexion, which only grew paler and purer during her long imprisonment; look at those fingers, so fine and thin it is as though light passes right through them.

"Why did Satan inhabit her? Because he wished to tear your souls away from the rapture of our procession—and he did! 'Just look at that beauty!' he caused a young knight from one of our most distinguished families to cry out.

"Worse yet, it happened during the mass. Yet when the parade officials saw her and caught her, the devil put up no resistance. And why not? Because you, God's flock, were without sin, having just been shriven by confession, so that he had no power over you.

"We therefore sentence the devil, in the guise of this Jewess, to the following:

"Let her hair be bound by its long, devilish braid to the tail of a wild horse, which shall drag her until she is dead through the streets that her feet trod on in violation of our laws!

"Let her unstaunched blood wash the cobblestones that those feet polluted!"

A wild cry of joy resounded from every mouth. When it had subsided, the condemned was asked if she had a last wish.

"Yes," she replied calmly. "I would like to be given a few needles."

"She's gone out of her mind with fear," the magistrates remarked to one another.

"Not at all," said the girl in a cold, tranquil voice. "It is my last wish and I ask to have it granted."

She was given her request.

"And now," ordered the burgomaster, "tie her to the horse!"

With trembling hands the vassals tied the rabbi's daughter's long black braid to the tail of the rearing wild horse.

"Stand back!" the burgomaster ordered the crowd in the square.

The crowd parted noisily and pressed itself against the walls of the houses. Each hand gripped something—a whip, a rod, even a plain kerchief—to spur on the horse. All breaths were held, all eyes glittered, all faces were aflame; no one noticed in the excitement how the condemned girl bent over and thrust the needles through the hem of her dress and deep into her flesh to keep her body from being exposed as it was dragged through the streets.

No one but the wandering soul.

"Free the horse!" ordered the burgomaster. The vassals jumped back and the animal broke loose. A cry from the crowd broke loose too, and all the whips, rods, and kerchiefs slashed the air. In a wild frenzy the horse galloped out of the marketplace and through all the streets of the town.

The soul did not wait to see the end of it. Seizing a bloody needle from the leg of the rabbi's daughter, it flew straight up to heaven.

"That's your second gift!" cheered the angel at the gate.

## THE THIRD GIFT

Back down to earth flew the soul in search of one last gift.

Once more long years went by, and once more the melancholy soul thought what a petty world it was, pettier than ever, full of little people and little deeds, the bad ones no less than the good.

Once it thought:

"If God, may His name be praised, ever visits His Last Judgment on the world, and if the counsel for the defense stands on one side shaking out the bits and crumbs from the white bag, and the counsel for the prosecution stands on the other side shaking out the grit and grime from the black bag, it would take forever to empty both—that's how tiny everything is in them!

"But when the bags are finally empty—what will happen then?

"The needle will stop in the middle once more!

"When all things are so small, nothing can outweigh anything. What difference can one more feather, one more wisp of straw, one more flake of chaff, one more particle of dust, possibly make?

"And what will God do then? What will His verdict be?

"To turn the world back into chaos? No, the sins will not outweigh the good deeds.

"To bring the Redemption? But the good deeds will not outweigh the sins either.

"What then?

" 'Carry on!' he will tell the world. 'Fly on between heaven and hell, between love and hate, between tears of compassion and rivers of blood—fly on forever and ever!' "

The sound of a drum awoke the soul from this oppressive thought. Where was it coming from?

The soul had lost all sense of time and place.

Down below it saw a prison. Sunshine glanced off the bars of its small windows and glittered on the bayonets of the rifles stacked against one of its walls. The soldiers who had put them there now held knouts in their hands.

They were arranged in two rows, with a narrow passageway between them. Someone was about to run the gauntlet.

But who?

It was a Jew, his meager body dressed in a torn cloak, a skullcap on his half-shaven head. The soul watched as he was led out from the prison.

What had he done to deserve such punishment? God knows. It was long ago. Perhaps he was a thief, perhaps a burglar or a murderer. Perhaps he had even been framed. After all, it was all so long ago.

The soldiers smiled and wondered why there were so many of them. Their victim wouldn't make it halfway down the line!

Yet as the Jew started down the gauntlet, he walked steadily without stumbling or missing a step, taking blow after blow in his stride.

The soldiers were enraged. Who did he think he was, staying on his feet like that!

The knouts whistled through the air and lashed the thin body like snakes. The blood spurted out, more and more of it.

מיט גאָלדענע פֿראַנדזן און טראָלבן[12]. בײַם טיש זיצן די הערן פֿון מאַגיסטראַט, אין סאַמעטענע קלײדער אויף גאָלדענע האָקלען[13], אין סױבעלנע היטלען מיט װײַסע פֿעדערן אויף בריליאַנטענע קנעפּ; אויבן אָן זיצט דער פּרעזידענט אַלײן, אַ פּרעסיקער[14] אָדלער װײַט אים איבערן קאָפּ...

אין אַ זײַט שטײט געבונדן אַ ייִדיש מײדל. נישט װײַט האַלטן צען קנעכט אַ װילד פֿערד. און דער פּרעזידענט הײבט זיך אויף און לײענט פֿאַרן ייִדישן מײדל אַ פּסק פֿון אַ פּאַפּיר, און ער װענדט זיך מיטן פּנים צום מאַרק:

„אָט די ייִדין דאָ, די ייִדישע טאָכטער, איז אַ שװערע זינד באַגאַנגען; אַ שװערע זינד, װאָס גאָט אַלײן, װי גרױס זײַן באַרעמהאַרציקײט זאָל נישט זײַן, װאָלט איר נישט געקאָנט מוחל זײַן...

זי האָט זיך אַרױסגעגנבֿעט פֿון געטאָ און איז אַרומגעגאַנגען, אין אונדזער הײליקן לעצטן יום־טובֿ, אויף אונדזערע רײנע גאַסן...

און זי האָט באַפֿלעקט מיט אירע אומפֿאַרשעמטע אויגן אונדזער הײליקע פּראָצעסיע, אונדזערע הײליקע בילדער, װאָס מיר האָבן מיט לױבגעזאַנג און קעסלפּױקן איבער די גאַסן געטראָגן...

מיט אירע פֿאַרשאָלטענע אויערן האָט זי אײַנגעזאַפּט דאָס געזאַנג פֿון אונדזערע װײַס געקלײדטע, אומשולדיקע קינדער און דאָס קלאַפּן פֿון די הײליקע פּױקן... און װער װײסט צי האָט דער טײַװל, דער אומרײנער טײַװל, װאָס האָט אויף זיך גענומען די געשטאַלט פֿון דער ייִדישער טאָכטער, פֿון פֿאַרשאָלטענעם רבֿס טאָכטער, זיך נישט צוגערירט און נישט באַפֿלעקט אונדזער אַ רײניקײט?

װאָס האָט ער געװאָלט, דער טײַװל אין דער שײנער געשטאַלט? װאָרעם לײקענען קאָן איך ניט — שײן איז זי, שײן, װי נאָר אַ טײַװל קאָן זיך מאַכן, — זעט די חוצפּה־שטראַלנדיקע אויגן פֿון אונטער די צנועהדיק אַראָפּגעלאָזטע זײַדענע ברעמען... זעט דאָס אַלאַבאַסטער פּנים, װאָס איז אין דער לאַנגער תּפֿיסה נאָר בלאַסער, אָבער נישט טונקעלער געװאָרן!... זעט אירע פֿינגער, אירע שמאָלע, לאַנגע פֿינגער פֿון די הענט; די זון לײַכט דורך זײ אַדורך!...

און װאָס האָט ער געװאָלט דער טײַװל? אָפּרײַסן אַ נשמה פֿון דבֿקות אין דער פּראָצעסיע... און עס איז אים געראָטן:

— זעט דאָס שײנע מײדל! — האָט אויסגערופֿן אונדזער אַ ריטער פֿון אײנער פֿון אונדזערע שענסטע משפּחות...

און דאָס איז שױן געװען איבער דער מאָס — האַלעבאַרדניקעס[15] האָבן זי באַמערקט און געכאַפּט — ער האָט זיך אַפֿילו ניט געװערט, דער טײַװל — װאָרעם, װי אַזױ? רײן זײַנען זײ דעמאָלט געװען. אָפּגערײניקט פֿון אַלע זינד, האָט ער אויף זײ קײן שליטה ניט געהאַט...

און דאָס איז דעם טײַװולס, אין געשטאַלט פֿון דעם ייִדיש מײדל, פּסק:

צובינדן זאָל מען זי בײַ די האָר, בײַ די לאַנגע טײַװולאָנישע צעפּ, צום װײדל פֿון אָט דעם װילדן פֿערד...

זאָל עס לױפֿן און שלעפּן זי װי אַ הורג איבער די גאַסן, װאָס אירע פֿיס האָבן געטראָטן קעגן אונדזער הײליקן געזעץ...

זאָל איר בלוט באַשפּריצן און אָפּװאַשן די שטײנער, װאָס זי האָט פֿאַראומרײניקט מיט אירע פֿיס“! —

אַ װילד פֿרײדגעשרײ האָט זיך אויסגעריסן פֿון אַלע מײַלער אַרום, און אַז די פֿאַליע פֿון די װילדע געשרײען איז אַריבער, פֿרעגט מען די פֿאַרמשפּטע צום טױט, אויב זי האָט זיך ניט עפּעס װאָס צום לעצטן מאָל צו װינטשן.

— איך האָב! — ענטפֿערט זי געלאַסן — עטלעכע שפּילקעס בעט איך.

— זי איז דול פֿאַר שרעק! — מײנען די הערן פֿון מאַגיסטראַט.

— נײן! — ענטפֿערט זי רויִק און קאַלט — דאָס איז מײַן לעצטער װילן און פֿאַרלאַנג.

מען האָט עס איר צוליב געטאָן...

— און אַצינד — קאָמאַנדירט דער פּרעזידענט — בינדט־צו!

עס גײען צו האַלעבאַרדניקעס און בינדן־צו מיט ציטערדיקע הענט דעם רבֿס טאָכטערס שװאַרצע לאַנגע צעפּ צום װײדל פֿון װילדן פֿערד, װאָס מען קאָן שױן קױם דערהאַלטן...

— מאַכט אַ װאַרע! — קאָמאַנדירט װײַטער דער פּרעזידענט צום עולם אויפֿן פּלאַץ און עס װערט אַ גערודער. דער עולם שטעלט זיך און דרינגט זיך צו צו די װענט פֿון די הײַזער, און אַלע הײבן־אויף די הענט, װער מיט אַ בײַטש, װער מיט אַ שפּיצרוט, װער מיט אַ טוך אין דער האַנט, און אַלע זײַנען גרײט צו יאָגן דאָס װילדע פֿערד. יעדערנס אָטעם איז געשטיקט. אַלע פּנימער פֿלאַמען. אַלע אויגן בליצן. און אין גערודער באַמערקט ניט קײנער, װי די פֿאַרמשפּטע בײגט זיך שטיל אַראָפּ און שפּיליעט זיך צו די זױם פֿונעם קלײד צו די פֿיס און שטעקט טיף, טיף אַרײַן די שפּילקעס זיך אין לײַב — עס זאָל איר לײַב ניט אַנטפּלעקט װערן, װען דאָס פֿערד װעט זי שלעפּן אין די גאַסן...

[12] קוטאַסן, קײקעלעך פֿון פֿעדעם, װי בערשטלעך. — [13] העקעלעך (אויף צוטשעפּען). — [14] אַ שטענדיק הונגעריקער, אַ פֿרעסער.

[15] װאַכלײַט (אין מיטלעלטער) מיט העלמען און פּאַנצערס.

4

Halfway down the line a soldier aimed too high and knocked the Jew's skullcap off his head. A few steps farther on, the victim noticed it. He halted as though deliberating, and then, unwilling to continue bareheaded, turned around to retrieve the fallen cap. Bending over, he picked it up, turned around again, and started back down the line, soaked in blood but serene, his skullcap on his head. He kept walking until he collapsed.

As soon as he fell, the soul seized the skullcap and flew with it straight to heaven.

The third gift was accepted too. The saints interceded for the wandering soul and it was admitted to paradise.

And when the three gifts were displayed there, a connoisseur's voice was heard to say:

"Ah, what beautiful gifts! Of course, they're totally useless—but to look at, why, they're perfection itself!"

*1904 (translated by Hillel Halkin)*

באַמערקט האָט עס נאָר די נע־ונדניצע — די נשמה...

— לאָזט דאָס פֿערד! — קאָמאַנדירט דערווײַל ווײַטער דער פּרע־זידענט און די קנעכט זײַנען דערפֿון אָפּגעשפּרונגען, און מיט אַ מאָל האָט עס זיך אויסגעריסן. און אויסגעריסן האָט זיך אויך אַ געשריי פֿון אַלע מײַלער, און עס ווייען און פֿײַפֿן אין דער לופֿט אַלע בײַטשן, שפּיצרוטן און טיכער. און ווילד דערשראָקן יאָגט דאָס פֿערד איבערן מאַרק, איבער גאַסן און הינטערגאַסן אַרויס, אַרויס פֿון שטאָט...

און די נשמה, די נע־ונדניצע, האָט שוין אַרויסגעצויגן אַ פֿאַר־בלוטיקטע שפּילקע פֿון דער פֿאַרמשפּטערס פֿוס און פֿליט שוין מיט איר צום הימל אַרויף.

— נאָך איין מתּנה אין גאַנצן! — טרייסט זי דער מלאָך בײַ דער פֿאָרטקע.

און צוריק פֿליט־אַראָפּ די נשמה. אין גאַנצן נאָך איין מתּנה דאַרף זי.

און עס גייען ווײַטער אַוועק זמנים און יאָרן, און עס באַפֿאַלט זי ווײַטער אַ מרה־שחורה. די וועלט, דאַכט זיך איר, איז נאָך קלע־נער געוואָרן... נאָך קלענערע מענטשן, נאָך קלענערע מעשׂים... די גוטע ווי די שלעכטע...

איין מאָל טראַכט זי:

ווען גאָט, געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען, זאָל וועלן אַ מאָל אָפּ־שטעלן און סוף כּל סוף משפּטן די וועלט, אַזוי ווי עס איז, מיט אַ מאָל... און פֿון איין זײַט זאָל זיך שטעלן אַ סניגור און שיטן פֿון ווײַסן זאַק אַרויס שרעטעלעך און שטויבעלעך, און פֿון דער צווייטער זײַט — דער קטיגור זאָל שיטן זײַנע פּיצלעך און ברעקלעך, וואָלט געדויערט און געדויערט איידער די זעק וואָלטן ליידיק געוואָרן... אַזוי פֿיל קלייניקייטן, אַזוי פֿיל!

אָבער, אַז די זעקעלעך וואָלטן שוין ליידיק געוואָרן, וואָס וואָלט געווען?

דאָס צינגל וואָלט געוויס געבליבן שטיין אין דער מיט!

בײַ אַזוינע קלייניקייטן, בײַ אַזוי פֿיל קלייניקייטן קאָן גאָר נישט איבערוועגן... וואָרעם וואָס? נאָך אַ פֿעדערל, נאָך אַ שטרויעלע, נאָך אַ פּלעווע, נאָך אַ שטויב!...

און וואָס וואָלט גאָט געטאָן? וואָס וואָלט ער געפּסקנט? צוריק צו תּוהו ובֿוהו? נישט: די עבֿירות וועגן נישט איבער די מצוות . . .

אויסלייזן? אויך נישט: די מצוות וועגן נישט איבער די עבֿירות... וואָס דען?

— גיי ווײַטער! — וואָלט ער געזאָגט... — פֿלי ווײַטער צווישן

גיהנום און גן־עדן, ליבשאַפֿט און האַס, רחמנותדיקע טרערן און רויכערדיק בלוט... צווישן וויגן און קבֿרים... ווײַטער, ווײַטער!

דער נשמה איז אָבער באַשערט געווען אויסגעלייזט צו ווערן פֿון די שווערע מחשבֿות — וועקט זי אַ קול פֿון פּויקן...

ווו איז זי, ווען?

זי דערקענט נישט דאָס אָרט, נישט די צײַט...

נאָר אַ פּלאַץ פֿאַר אַ תּפֿיסה זעט זי... צו די אײַזערנע גראַטן אין די קליינע פֿענצטערלעך ציִען שפּילנדיק די שטראַלן פֿון דער זון... זיי גליטשן זיך אויך אָן די שטיקעס [16] פֿון צוזאַמענגעשטעלט געווער בײַ דער וואַנט. די סאָלדאַטן האָבן אין האַנט אַרײַן — רי־טער באַקומען...

אין צוויי לאַנגע שורות, מיט אַ שמאָלן דורכגאַנג אין דער מיט, האָט מען זיי אויסגעשטעלט: דורך אַ סטראָי [17] וועט מען טרײַבן... וועמען ?

עפּעס אַ ייִדל מיט אַ צעריסן העמד אויפֿן מאָגערן לײַב, מיט אַ יאַרמולקע אויפֿן האַלב־געגאָלטן קאָפּ. אָט פֿירט מען אים צו.

פֿאַר וואָס קומט עס אים? ווער ווייסט, אַ פֿאַרצײַטישע זאַך! אפֿשר פֿאַר אַ גנבֿה, אפֿשר פֿאַר אַ גזלה צי אַ רציחה, און אפֿשר אַ בילבול... עס איז דאָך געווען פֿאַרצײַטן...

און די זעלנערס שמייכלען און טראַכטן: נאָך וואָס האָט מען אונדז אַזוי פֿיל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויס־האַלטן די העלפֿט!

נאָר אָט שטופּט מען אים צווישן די שורות אַרײַן, אָט גייט ער... און ער גייט גלײַך און שטרויכלט נישט און פֿאַלט נישט... ער לייזט שמיץ און האַלט זיי אויס...

אַ גרימצאָרן כאַפּט־אָן דעמאָלט די סאָלדאַטן: ער גייט נאָך, ער גייט!

און די ריטער פֿײַפֿן אין דער לופֿט ווי די רוחות און כאַפּן־אַרום דאָס לײַב ווי די שלאַנגען. און דאָס בלוט פֿון מאָגערן גוף שפּריצט און שפּריצט, און הערט נישט אויף צו שפּריצן.

— הו־האַ! הו־האַ!

אין מיטן טרעפֿט דער סאָלדאַט צו הויך און וואַרפֿט דעם פֿאַר־משפּטן אַראָפּ די יאַרמולקע פֿון קאָפּ. נאָך עטלעכע טריט באַמערקט ער עס, דער פֿאַרמשפּטער... ער גיט זיך אַ ריר, גלײַך ער האָט אַ ישובֿ, און איז זיך מיישבֿ, און דרייט זיך אום: ער וועט נישט גיין בגילוי הראש, און ער גייט צוריק ביז צום אָרט, ווו די יאַרמולקע ליגט. ער בייגט זיך אײַן און הייבט זי אויף, און דרייט זיך צוריק אויס און גייט ווײַטער, רויִק, רויט פֿאַרבלוטיקט, נאָר מיט דער יאַר־מולקע אויפֿן קאָפּ. אַזוי גייט ער, ביז ער פֿאַלט...

און אַז ער איז געפֿאַלן, איז צוגעפֿלויגן די נשמה און געכאַפּט די יאַרמולקע, וואָס האָט אַזוי פֿיל אומזיסטיקע שמיץ געקאָסט, און איז אַרויף מיט איר צו דער פֿאָרטקע פֿון הימל.

און די דריטע מתּנה איז אויך אָנגענומען געוואָרן!

און די צדיקים האָבן זיך פֿאַר איר געמיט: די טויערן פֿון גן־עדן האָבן זיך איר נאָך די דרײַ מתּנות געעפֿנט!

און דער אורים ותּומים [18] האָט געזאָגט:

— אמת שיינע מתּנות, אויסטערליש שיינע... צו נוץ קומען זיי נישט, גאָר נישט לתּשמיש [19], אָבער לנוי [20] — אויסטערליש.

---

[16] באַגנעטן. — [17] אַ שטראָפּסיסטעם צו קריגן געשלאָגן צווישן ביידע שורות סאָלדאַטן.

---

[18] הייליקע חפֿצים אין משכּן. „ונתת אל חושן המשפּט את האורים ואת התומים והיו על לב אהרן בבואו לפני ד׳" (שמות כ״ח, ל׳), און זאָלסט אַריינ־טאָן אין דעם חושן פֿון באַשייד די אורים ותומים, און זיי זאָלן זיין ביי אַהרנען אויפֿן האַרצן, ווען ער קומט פֿאַר גאָט (יהואָש). — [19] צו באַניצן, ממשותדיק. — [20] פֿאַר שיינקייט וועגן בלויז („נאה"), נישט צו ניצן, נאָר אויף קוקן.